**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט איבער באריכט פאר ניו יארקער איבער סטעיט'ס אנטווארט צו אנגייענדע רעגנס באטרעפנדיג ניו יארק סיטי מעטראפאליטען ראיאן

***ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאארדינירט מאבילירונג פון פארפלייצונג רעטונג מאנשאפטן פון מערערע אגענטורן צו האדסאן וואלי און לאנג איילענד***

***ברייט-פארשפרייטע דריי-ביז-פינף אינטשעס פון רעגן אין סך הכל ערווארטעט דורכאויס פרייטאג אריבער ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן וואלי, מיט העכערע מאסן אין געוויסע לאקאלע ערטער פון ביז זיבן אינטשעס פון רעגן, ברענגענדיג זארגן איבער געפארפולע פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען***

***פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונגען אין קראפט אין טיילן פון ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ביז 10:15 אינדערפרי פרייטאג; רוב פון ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן וואלי בלייבן אונטער א פארפלייצונג וואַטש ביז פרייטאג אוונט***

***ניו יארקער געמוטיגט צו זיין פארזיכטיג אויב זיי פארן היינט אויף די שאסייען און זיך צו פארמיידן פון אריבערגיין אדער אריבערדרייווען פארפלייצונג וואסערן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן א באריכט פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס אנגייענדע אנטווארט צו שווערע רעגנס אין די ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן וואלי ראיאנען וועלכע האבן באקומען ביז דריי אינטשעס רעגן איבערנאכט און בלייבן אונטער פארפלייצונג וואַטש ביז פרייטאג. די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס וועטער זאגער ערווארטן אז די ראיאנען וועלן זעהן א ברייט-פארשפרייטע דריי-ביז-פינף אינטשעס פון רעגן אדער מער ביז פרייטאג צונאכטס, מיט שנעלקייט ראטעס פון איין אינטש רעגן פער שעה. פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען איז די גרעסטע סכנה פאר קאמיוניטיס וועלכע באקומען די שווערסטע רעגנס אלס רעזולטאט פון די שטורעם, קענענדיג פאראורזאכן געפארפולע רייזע אומשטענדן און שטעלן לעבן און זיכערהייט אין געפאר. קוקנדיג אויף דעם האט גאווערנער האקול אנגעוויזן פאר די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) צו סטאנציאנירן פארפלייצונג רעטונג מאנשאפטן אין נעסאו און וועסטשעסטער קאונטיס, וואו זיי וועלן זיין גרייט זיך צו מאבילזירן שנעלערהייט אין פאל פון א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג עמערדזשענסי וואס פארלאנגט רעטונגען. די גאווערנער און איר גאנצע אדמיניסטראציע שטייען גרייט צו שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס אין פאל וואס זיי וועלן באטראפן ווערן דורך פארפלייצונגען היינט.

"שווערע רעגנס זענען ערווארטעט אריבער די דאַונסטעיט ראיאנען היינט, און מיר האלטן א נאענטע אויג אויף סיי וועלכע פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען וועלכע קומען אן, זעהענדיג די מאס רעגן וואס איז פאראויס

געזאגט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטעיט אגענטורן זענען גרייט זיך צו אפרופן צו פארלאנגען פאר הילף פון אונזערע לאקאלע רעגירונג שותפים, און איך מוטיג אלע ניו יארקער צו האלטן א נאענטע אויג אויף די שטורעם אומשטענדן און וועטער פאראויסזאגונגען אויב איר לאזט זיך ארויס אינדרויסן היינט."

די נאציאנאלע וועטער סערוויסעס האט ארויסגעגעבן א פארפלייצונג וואַטש פאר רוב פון די ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן וואלי ראיאנען. א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונג איז אין קראפט ביז 10:15 אינדערפרי פאר טיילן פון ניו יארק סיטי און לאנג איילענד. אדווייזאריס פאר פארפלייצונגען פון די ים ברעגעס זענען אויך אין קראפט.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פארשאצונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס וועבזייטל אויף [alerts.weather.gov](https://alerts.weather.gov). ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן פאר NY Alert, די סטעיט'ס אומזיסטע עמערדזשענסי אלערט סיסטעם, אויף [alert.ny.gov](https://alert.ny.gov). עמערדזשענסי אינפארמאציע פאר יעדע קאונטי באזונדער קען געשיקט ווערן דורך טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "שווערע רעגנס וועלן פארפלייצן טראנספארטאציע סיסטעמען און ווארשיינליך פאראורזאכן פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען אין געוויסע ערטער היינט. דאס מיינט אז עס וועט זיין סכנות'דיג צו פארן, באזונדערס מיט א קאר. מיין מאנשאפט שטייט אין פארבינדונג מיט אלע אונזערע שותפים אין רעגירונג, און מיר וועלן פארזעצן צו האלטן אן אויגן אויף די אומשטענדן און מאביליזירן מיטלען ווי נויטיג צו האלטן ניו יארקער זיכער."

**<u>סטעיט אגענטור פארברייטערונגען</u>**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די סטעיט וואַטש צענטער פון די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס פאלגט נאך וועטער און רייזע אומשטענדן, און זיי קאארדינירן סיי וועלכע נויטיגע אפרופונגען מיט לאקאלע רעגירונגען. די דיוויזיע'ס אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control, OFPC) האט אקטיוויזירט איר פייער אפעראציעס צענטער צו שטיצן די אפרופונג צו די שטורעם, מיט צוויי פון אירע פארפלייצונג רעטונג מאנשאפטן, באשטייענדיג פון זעקס מיטגלידער און איין שיפל יעדע איינע, ווערנדיג ארויסגעשיקט קיין נעסאו און וועסטשעסטער קאונטיס אין פאל וואס א פארפלייצונג עמערדזשענסי וועט פארלאנגען רעטונג פון ציווילע מענטשן. נאך א פארפלייצונג רעטונג מאנשאפט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי איז אויך ארויסגעשיקט געווארן צו וועסטשעסטער קאונטי, מיט דריי מיטגלידער און צוויי שיפלעך.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**
די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז גרייט זיך אפצורופן צום וועטער געשעעניש מיט כמעט 3,500 אפערעיטארס און סופערווייזערס וועלכע שטייען גרייט איבערן סטעיט. די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,426 גרויסע זאמד טראקס
- 315 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 81 טשיפערס
- 80 עקזקעוועיטארס מיט רעדלעך און טרעקס
- 28 טראַפיק טורעם פלאטפארמעס
- 15 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס

- 15 בוים-קרו באקעט טראקס

**ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט**
טרואוועי אויטאריטי שטאב טוט ווייטער נאנט נאכפאלגן די אויסקוק און וועטער ווירקונגען אויף די טרואוועי סיסטעם. די טרואוועי אויטאריטי פארמאגן 661 שטאב מיטגלידער געגרייט צו פאראויס איבערקוקן שטורעם אפפליסן איבער די סיסטעם, אויסגלייכן געצייג און נאכפאלגן פעלזן טאלן אין געגנטער אויסגעשטעלט צו שווערע רעגן. איינזיצבארע געצייג נעמט אריין קליינע צו מעסיגע טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאודערס, רוקעדיגע VMS שילדן, רוקעדיגע לעקטער טורעמס, קליינע גענעראטער, קליינע פאמפס און געצייג אויפהויבנדע טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל געצייג אוועילעבל צו פארקירעווען אדער פארמאכן סיי וועלכע גאסן.

די טרואוועי אויטאריטי טוט מוטיגן מאטאריסטן צו דאונלאודן איר [מאביל עפפ] וואס טוט צושטעלן דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר [TRANSalert] אימעילס וועלכע באריכטן די לעצטע טראפיק אינצידענטן לענגאויס די טרו-וועי, פאַלאָווען [@NYSThruway] אויף Twitter און באזוכן [thruway.ny.gov] צו זעהן א לעבעדיגע מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן אויף די טרו-וועי און אויף אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט DEC ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג מאנשאפטן און ראיאנישע מאנשאפטן פאלגן נאך דעם אנטוויקלענדן מצב און פאראויסגעזאגטע וועטער, און זיי וועלן אקטיווערהייט פאטראלירן פלעצער און אינפראסטרוקטור וועלכע האבן העכערע אויסזיכטן צו באטרעפן ווערן דורך שווערע וועטער. אלע מיטלען וואס זענען פאראן, אריינרעכענענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, זענען אקטיוויזירט און אין פאזיציע צו ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרופונג. נאך מאנשאפט מיטגלידער ווערן יעצט אוועקגעשטעלט אין פלאץ צו זיין גרייט פאר עמערדזשענסי מאביליזירונג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזיכער זאלן באזוכן [parks.ny.gov], קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער שטייענדיג גרייט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט דורכאויס די שווערע וועטער. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס, ווי נויטיג, צו אפעקטירטע ערטער. אלע ספעציעליזירטע וויהיקלס פון סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו וויהיקלס און יוטיליטי טעסק וויהיקל, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרוף. אלע טרופ עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע'טעסט געווארן.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט צו רעאגירן צו אלע וועטער-פארבינדענע פראבלעמען.

צו נידערן די ווארשיינליכקייט פון פארפלייצונג און רעאגירן צו יעדע פאל פון פארלייצונג וואס פאסירט יא, וועלן MTA שטאב מיטגלידער איבערקוקן וואסער אויספלוס לעכער אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער צו פארזיכערן אז זיי ארבעטן גוט, און באאמטע וועלכע שטייט איבער פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער פאר סיי וועלכע באריכטן פון פארפלייצונג צו פארזיכערן שנעלע רעאקציעס. עלעוועיטער און עסקעלעיטער עקספערטן וועלן ווערן ארויסגעשיקט צו פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער צו באהאנדלען אלע וועטער-פארבינדענע עלעוועיטער און עסקעלעיטער פראבלעמען.

קאסטומערס זענען ערמוטיגט צו קוקן אויף [new.mta.info](new.mta.info) פאר די לעצטע סערוויס אָפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די סיסטעם. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA'ס עפּס: MYmta און TrainTime.

**פארט אויטאריטעט**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן. שנעלקייט איינצוימונגען קענען מעגליך זיין אין עפעקט ביי די בריקן, ווי אויך לענגאויס די וועגן וועלכע פירן צו און אוועק פון זיי. פאסאזשירן וועלכע נוצן די פארט אויטאריטעט'ס איינריכטונגען ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט טראנספארטאציע באס פירמעס און לופטליניעס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן סיי דילעיס און קענסעלעישענס.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, קוקט ביטע אויף סאָושעל מידיע, שרייבט זיך איין צו באקומען [PA אלערטס](PA אלערטס) אדער דאַונלאָודט איינע פון די PA טעלעפאן עפּס, אריינרעכנענדיג [RidePATH](RidePATH) וואס גיבט בשעת-מעשה'דיגע אפּדעיטס און אלערטס פאר PATH סערוויס.

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות פאר ניו יארקער</u>**
אלע ניו יארקער זאלן וויסן צו זיין אויפמערקזאם אויף שווערע וועטער און באקומען צייטליכע אלערטס וואס לאזן זיי וויסן וואס זיי דארפן טוהן צו זיין פארזיכערט, אריינגערעכנט עוואקואירונג. די בעסטע וועג צו באקומען צייטליכע וועטער אלערטס איז דורך זיך אויפסיינען פאר NY-Alert, אן אומזיסטע סערוויס וואס שטעלט צו וועטער און אנדערע עמערדזשענסי-פארבינדענע אלערטס.

נעמט אונטער די פאלגנדע שריט צו זיכער מאכן אז איר און אייערע באליבטע זענען באשיצט:
- אנטוויקלט א פאמיליע דיזעסטער פלאן און ווייסט וויאזוי צו אייביג זיך פארבינדן מיט משפחה מיטגלידער. באשטימט א פריינד אדער פאמיליע מיטגליד אינדרויסן פון שטאט צו זיין די "עמערדזשענסי פאמיליע קאנטאקט", מאכט זיכער אז אלע פאמיליע מיטגלידער האבן די קאנטאקט אינפארמאציע.
- באשטימט א פלאץ וואו איר וועט זיך צוזאמטרעפן אין פאל פון עמערדזשענסי — א באקאנטע פלאץ וואו די פאמיליע קען זיך צוזאמטרעפן אויב מען קען נישט צוקומען צו די הויז.
- זייט באקאנט מיט האריקאן און שטורעם סכנות אין אייער קאמיוניטי.
- אויב וואוינט איר נעבן דעם ים, לערנט איבער די היסטאריע פון אייער געגנט'ס שטורעמעס און אייערע קאמיוניטי'ס ווארענונג סיגנאלן און עוואקואירונג פלענער, אריינרעכנענדיג זיכערע רוטס ווייט פונעם ים און די לאקאציע פון אפיציעלע שעלטערס.

- ווייסט וואו צו איבערלאזן שטוב חיות דורכאויס א שטורעם — רוב שעלטערס ווען נישט אריינלאזן שטוב חיות.
- האלט די פאלגנדע סופלייס מיט זיך:
-גענוג דויערהאפטיגע עסנווארג און וואסער סופלייס פאר 10 טעג.
-ראדיאס און פלעשלייטס וואס ארבעטן אויף באטעריעס און גענוג באטעריעס פאר זיי
-אן ערשטע הילף קיט מיט א סופליי פון מעדעצינען.
-וויכטיגע דאקומענטן: אינשורענס פאליסיס, מעדיצינישע רעקארדס, באנק אקאונט נומערן, סאָושעל סעקיוריטי קארטל, א.ד.ג. אין א פארמאכטע האלטער וואס לאזט נישט אריין וואסער.
-קעש, טשעק ביכל, קרעדיט קארטל און ATM קארטלעך.
-אן עמערדזשענסי קאנטאקט ליסטע פון מענטשן און ארגאנאזאציעס וואס קענען ווערן גערופן: שולעס, דאקטוירים, פראוויידערס, און אינשורענס קאנטאקטן.
- נעמט אונטער די פאלגנדע פארמיידונג מאסנאמען:
-פארשאפט און לייגט אוועק מאטעריאלן ווי פלייוואוד וועלכע זענען נויטיג צו קענען פארזיכערן אייער היים.
-פאררעכט לויזע- און שטאפט אויף פארשטאפטע רעגן אפלויף רערן.
-פארזיכערט און ברענגט אריין אינעוויייניג גראז מעבל און אנדערע לויזע לייכטע חפצים ווי מיסט קאסטנס און גארטן געצייג וועלכע קענען זיך אויפהייבן מיט א הויכע ווינט און זיין שעדליך. האלט אויך ביימער און בושעס ריין פון טויטע האלץ.
-קוקט איבער אינשורענס פאליסיס צו באשטימען די פארנעם פון דעקונג בעפאר א שטורעם קומט אן.
-באשטימט וואו צו רוקן שיפלעך אין פאל פון עמערדזשענסי.
-האלט זיך אינפארמירט מיט די לאקאלע וועטער אומשטענדן דורכן אויסהערן די נאציאנאלע וועטער סערוויס ראדיאָ אויף די NOAA וועטער ראדיאָ און דורך באריכטן פון לאקאלע טעלעוויזיע און ראדיאו סטאנציעס.
-ווייסט וויאזוי צו אויסלעשן די עלעקטריציטעט, הייצונג און וואסער אינדערהיים.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס**

די [דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES)] שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Facebook, Instagram און X (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418